**זעקת החינוך** (גליון שלב)

Tel. 020-3514-6632

**הגליון טעון גניזה**
עכ"ז גיבן מיר אכטונג נישט צו
שרייבן קיין פסוקים במילואם

# נעשה ונשמע

אין ספר **דרכי חיים ושלו'** ווערט אביסל געשילדערט די פלאם-פייערדיגע דרשות וואס **הגה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זצ"ל** (יודה"ל ב' סיון) פלעגט זאגן פאר די הייליגע **אקדמות**. ברענגט ער דארט צו, וואס ער האט געשריגן איין יאהר בתוך הדברים:

אין די אקדמות זאגט מען **מטילי בה חינגא לבהדי דשכינתא**, "לעתיד לבוא וועלן יודישע קינדער אנטייל נעמען אין א טאנץ מיט די הייליגע שכינה כביכול". פרעגט ער, לכאו' ווי קען מען זיך אויסמאלן אזא אומגעהויערע זאך, אז פשוט'ע מענטשן, קרוצי חומר, זאלן זוכה זיין צו אזעלכע מורא'דיגע און געהויבענע מדריגות? דאס איז דאך גענצליך למעלה מהשגה?

ענטפערט ער, אז **בעקבתא דמשיחא** וועט זיין גאר שטארקע און מורא'דיגע נסיונות אויף די הייליגע אמונה, וואס יודישע קינדער וועלן דעמאלטס דארפן אריבער גיין, און די סט"א וכת דיליי' וועלן זיך אויף זיי פארלייגן מיט אלע כוחות און מיט תחבולות שונות, - זיי וועלן צורעדן יודישע קינדער **יקרא ויאה את** ווי שיין און ווי טייער וואלסטו געווען **אין תערבי למרותא** אויב דו וואלסט זיך אויסגעמישט מיט די גוים, **רעותך נעביד ליך** מיר וועלן טוהן וואס דו ווילסט נאר **בכל אתרותא** אין אלע ערטער. - זיי וועלן פראבירן מיט אלע זייערע מעכטיגע כוחות צוצוציען יודישע קינדער אז זיי זאלן זיך אויסמישן מיט זיי, מיט די אלע נידריגע גוים ח"ו. זיי וועלן פראבירן אויף כל מיני וועגן אפצורייסן די הייליגע יודישע קינדער פונעם הייליגן באשעפער, און מען וועט דעמאלס דארפן גאר אסאך כוחות און פירן גרויסע מלחמות אז מען זאל נישט ווערן איבערגערעדט פון דעם **עצת היצר**. אט מיט דעם כח מיט וואס מיר וועלןביישטיין די נסיונות, און מיט דעם זכות פון די אלע יגיעות און יסורים וואס ערליכע יודן וועלן דעמאלטס מיטמאכן צו בלייבן גאנץ מיט די הייליגע אמונה, דורך דעם טאקע וועט מען זוכה זיין צו די געוואלדיגע אויסטערלישע מדריגה פון **מטילי בה חינגא**, און ווי חז"ל זאגן אונז **לפום צערא אגרא**, לויט ווי שטארק איז דער צער פון עומד צו זיין א שווערן נסיון, לויט דעם וועט זיין דער שכר. – **ע"כ.**

חז"ל זאגן (מכילתא פר' בשלח) **לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן**, שרייבט דער הייליגער **דגל מחנה אפרים** (ליקוטים), אז די תורה ווערט אנגערופן **לחם**, (ווי דער פסוק זאגט אין משלי (ט, ה) **לכו לחמו בלחמי**), און מ"ן איז ר"ת **מסירות נפש**. – טייטשט ער **לא ניתנה תורה** די תורה איז נישט געגעבן געווארן, **אלא לאוכלי המ"ן**, פאר די יודן וואס זענען **בעלי מסירות נפש**. אז מען וויל צוקומען צו **קבלת התורה** מוז מען זיין גרייט אויף **מסירות נפש**.

אויך דער **תפארת שלמה** אויף שבועות איז זייער מאריך אין די בחינה, אז דער עיקר **קבלת התורה** איז צו זיין גרייט אויף **מסירות נפש**, דעריבער טאקע אין די פרשה פון **קריאת שמע** זאגט מען פריער **ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך "ובכל נפשך"** ובכל מאדך, כדי בעפאר מען איז מקבל אויף זיך דעם **עול המצוות** איז מען מקדים **"ובכל נפשך"** וואס דאס איז די ציווי אויף **מסירות נפש**, ווייל אן מסירות נפש האט די תורה הק' נישט קיין קיום.

און ער איז מסביר, אז ביי **מתן תורה** זאגט די גמרא (שבת פו:) אז ביי יעדן **דיבור ודיבור** איז זייער נשמה ארויסגעפלויגן, און דער אויבערשטער האט געשיקט **טל של תחי'** וואס האט זיי

צוריק אויפגעלעבט. - זאגט ער אז דער **יצאה נשמתן** האט אויסגעפעלט צו ווייזן פאר יודישע קינדער אין אלע דורות **אז דער קיום התורה קען נאר זיין דורך מסירות נפש.**

און ער איז ממשיך דארט אז דאס וואס די גמרא זאגט אז ס'איז געווען ראוי אז די תורה זאל געגעבן ווערן דורך **רבי עקיבא**, ווייל ר' עקיבא איז געווען די בחינה פון **מסירות נפש**, אזוי ווי ער האט געזאגט **כל ימי הייתי מצטער ע"ז**, וועגן דעם וואלט שייך געווען אז די תורה הק' זאל געגעבן ווערן דורך אים.

און דאס טייטשט ער אויך אויפן פסוק אין תהלים, **נפשי בכפי תמיד ..תורתך לא שכחתי**, אז דורך דעם וואס א יוד איז גרייט אויף מסירות נפש פאר די הייליגע תורה, דורך דעם וועט די תורה פון אים נישט פארגעסן ווערן ח"ו און ער וועט קענען ממשיך זיין בדרך התוה"ק.

*

כהיום, אינעם היינטיגן מצב, איז פארווירקליכט געווארן די אלע נסיונות בפועל. צוויי וואכן צוריק (דאנערשטאג בה"ב) האט שוין די רעגירונג פובליצירט און ארויסגעלייגט די ענדגילטיגע ווערסיע פונעם **גזירת החינוך**, וועלכע ענטהאלט גאר שוידערליכע רשעות'דיגע סעיפים, סיי אפענע און סיי באהאלטענע, אלעס בלויז מיטן ציל צו קענען פארכאפן דעם גאנצן ערליכען חינוך פון יהדות ענגלאנד רח"ל היל"ת. די רשעים שארפן זיך די ציין צו פארזיכערן אז "יעדעס קינד', בחורים וגם בתולות, זאל באקומען די כפירה'דיגע און געמיינע נידריגע "עדיוקעישן", כדי זיי זאלן זיין גרייט פארן 'לייף-אין-מאדערן-בריטען'! ווי זיי רופן עס, וואס דאס מיינט א הפקר-לעבן פון תועבה וכפירה, רח"ל מהאי דעתא.

און זיי טרויען זיך עמטליך צו דערקלערן, אז '**די רעגירונג האט מער רעכט ווי די עלטערן ווען עס קומט צו די חינוך פון זייערע קינדער'!!!** ה"י.

ווער עס איז באקאנט מיט די אמת'ע פאקטן ווייסט, אז אט די שרעקליכע גזירה איז ליידער די ביטערע תוצאה פון די נאכאנאנדע מסירות און מלשינות פון אלע טריפה'נע אפיקורס'ישע גרופעס אין ענגלאנד למיניהם, א שטייגער ווי 'יומעניסט יו. קעי.', 'נעשענעל סעקולאר סאסייעטי', און נאך, וועלכע זאגן אפען, אז זיי זענען דא בלויז מיט איין ציל: אויסצורייסן דעם לעצטן שארית הפליטה וואס האלטן זיך נאך בדרך המסורה, אפגעשיידט פון אלע דרכי הגוים, און קלאמערן זיך צו השי"ת און זיין הייליגע תורה. די דאזיגע מסוכנ'דיגע עלעמענטן ווילן גענצליך אפרייסן אונזערע קומענדיגע דורות פונעם שויס כביכול פונעם הייליגן באשעפער, מחיק אבינו שבשמים רח"ל היל"ת.

די דאזיגע אפיקורס'ישע גרופעס פירן אן די לעצטערע יארן א העסליכע-העצע-קאמפיין ביי די רעגירונג, אנגעפאנגען ביי די תלמוד תורה'ס און מיידל שולעס, וואס דארט האבן זיי שוין ליידער געהאט סוקסעס מיט דעם וואס די רעגירונג האט דאס שוין באוויזן צו נעמען אונטער זייער קאנטראל, ווען די רעגירונג האלט אין איין ארויסגעבן שוידערליכע פארלאנגען וואס און ווי אזוי מען זאל לערנען אין די אלע 'רעגיסטרירטע' מוסדות התורה והחינוך, און די טרויעריג-באקאנטע 'אפסטע"ד' אינספעקטארן טוען טאקע זייער ארבייט בשלימות, ווי זיי רודפ'ן אויס יעדן מוסד וואס האט זיך רעגיסטרירט מדעת עצמם, און קומט נישט נאך 101% אלע זייערע פארלאנגען פון די אלע מיאוס'ע און אפיקורסישע לימודים.

אבער "וכל זה איננו שוה לי", די רשעים זענען נאך נישט צופרידן מיט דעם, נאר זיי טוען כסדר העצן און פארלאנגן פון די רעגירונג, הלמאי, וואס וועט זיין מיט אלע ישיבה קטנות!?

וואס, ווי די מוסרים ומלשינים האבן געוואוסט צו פארציילן, אז עס לערנען אין ענגלאנד א קנאפע 1500 בחורי חמד אין עטליכע ישיבה קטנות [בלעה״ר וכן ירבו!!], וואס די אלע ישיבות קטנות, זענען קיינער פון זיי ביז היינט נישט געווען רעגיסטרירט, און צוליב דעם האט טאקע אפסטע״ד נישט געהאט דארט קיין דריסת הרגל, ווייל זיי זענען טאקע נישט מחוייב צו לערנען גארנישט וויבאלד זיי זענען נישט רעגיסטריט אלס סקול.

און דערפאר האבן די רשעים געשריגען 'געוואלד', ״די אלע קינדער ווערן פארנאכלעסיגט״, און זיי ווערן נישט 'צוגעגרייט' פאר 'לייף-אין-גרעיט-בריטען', וואס דאס באדייט פארשטייט זיך, אז זיי זאלן חלילה אנגעפילט ווערן מיט אלע לימודי כפירה ותועבה רח״ל.

און עס איז זייער וויכטיג צו פארשטיין וואס איז טאקע די סיבה פארוואס די **ישיבות קטנות** זענען ביז היינט געווען אנדערש פון די בתי חינוך פאר קינדער, אז דארט האבן די רשעים נישט געהאט קיין דריסת הרגל כלל? - דער ענטפער איז, ווייל דאס מערהייט פון די תלמוד תורה׳ס און מיידל שולעס זענען -ליידער - יא רעגיסטרירט, - צוליב די ריזיגע געלט בענעפיטן וואס די מוסדות האבן דורך דעם געקענט נהנה זיין, במישרים ובעקיפין - און נאר אויב א מוסד איז רעגיסטרירט, איז די מוסד מחויב צו לערנען די אלע אפיקורס׳ישע סאבדזשעקטס מיט אלע טריפה׳נע לימודים, און נאר דאן האבן די רשעים פון אפסטע״ד א רעכט אריינצוקומען אינערהאלב די מוסדות און זיי אונטערזוכן צו מען לערנט טאקע בפועל די אלע פארלאנגטע טריפה׳נע לימודים, משא״כ ישיבות קטנות האבן זיך ב״ה ביז היינט קיינער נישט געטרויעט צו רעגיסטרירן ב״ה.

(וכמו״כ איז טאקע געווען מיט די אלע מוסדות התורה - די תלמוד תורה׳ס און מיידל שולעס וועלכע זענען געווען גענצליך **על טהרת הקודש**, זיי זענען אויך ביז היינט נישט געווען רעגיסטרירט ביי די רעגירונג, אזוי ווי די געזעץ האט ערלויבט, זיי האבן ב״ה גארנישט געברויכט לערנען פון די אלע לימודי תועבה וכפירה רח״ל, און ממילא האבן זיי אויך גארנישט געליטן פון די רשעים פון אפסטע״ד).

אבער למעשה, דער דאזיגער פאקט אז געוויסע מוסדות פאר קינדער האבן זיך ליידער יא 'רעגיסטרירט' אונטערן אויפזיכט פון די רעגירונג, וואס דאס האט אויטאמאטיש אריינגעלייגט דעם מוסד אין די קאטעגאריע פון א 'סקול', מיט אלע חיובים וואס ווערט פארלאנגט פון א סקול, און מען איז ווייטער אנגעגאנגען דערמיט טראץ די פארדארבענע פארלאנגען, - דאס האט געוויזן פאר די רעגירונג, אז מען האט נישט קיין פראבלעם מיט אלע זייערע פאדערונגען!! ווי אויך דער ביטערער פאקט אז מען האט זיך צוביסלעך געבראכן מער און מער פאר אלע רעגירונגס פארלאנגען, אפילו ווען עס האט זיך שוין געהאנדלט פון זיך אונטערנעמען גאר הארבע ענינים אפילו די וואס באריר שוין די שלש חמורות ממש. דאס אלעס האט צוגעברענגט אז די רשעים און אפיקורסים האבן באקומען מער אפעטיט, און זענען מער נישט געווען צופרידן אז 'בלויז' די קינדער 'ביז' די דרייצן יאר ווערן צוגעגרייט פאר א לייף-אין-מאדערן-בריטען, און זיי האבן געשריגען ״למה נגרע״? היתכן אז די רעגירונג לאזט די אלע בחורים פון די ישיבה קטנות אויף הפקר?! און קוקן זיך נישט אום אויף זיי, אויב זיי באקומען טאקע א ריכטיגע סעקולארע עדיוקעישן - נוסח בריטאניע? אזוי ארום האבן צוביסלעך די אלע טענות ומענות און העצרייען פון די אפיקורסים אנגעהויבן שלאגן ווארצלן, און ווען די אלע שונאי הדת און אנטיסעמיטן האבן זיך פאראייניגט, האבן זיי אנגעהויבן צו פארלאנגען אז די רעגירונג מוז עפעס טוען 'ממשות׳דיג'. למעשה, נאכדעם וואס די רעגירונג האט געזעהן אז די מוסדות התורה האבן כסדר געגרוקט זייערע 'רויטע ליניעס' מער און מער,

און האבן זיך כסדר מורה היתר געווען צו זאגן פאר די רעגירונג אז זיי קומען שוין נאך זייערע פאדערונגען, אפילו אויף לימודים וואס נעכטן איז דאס ביי זיי געווען חזיר-טרייף און אסור בהחלט, [און מען רעדט דא פון אזעלכע לימודים אפילו, וואס מען קען נישט שרייבן דערפון אפילו ברמז, משום הרחק מן הכיעור], דעריבער האט די רעגירונג באשלאסן אז די צייט איז שוין רייף ארויפצוגיין צום נעקסטן שטאפל, און זיך נעמען אויך צו די בחורים אין די ישיבה קטנות רח״ל, צו מאכן זיכער אז זיי לערנען אויך די אלע לימודים אסורים!

**דאס הייסט אין אנדערע ווערטער, אז דער איצטיגער געזעץ וואס איז ליידער אדורך, איז נישט 'פלוצים' צושטאנד געקומען, נאר איז פשוט א תוצאה פון די אלע 'פשרות' וואס געוויסע מוסדות האבן געמאכט עד היום מיט די רעגירונג, פאר געלט אדער פאר אנדערע בענעפיטן. אט די אלע ״פשרות-מוסדות״ זענען באמת דער דירעקטער גורם צו דעם אז מען איז נעבעך אנגעקומען צו דעם ווי מען האלט היינט ליידער.**

*

אצינד, ווען מיר האלטן בחסדי ד׳ ביים הייליגן יו״ט שבועות, און יודישע קינדער גרייטן זיך אויפסניי אויסצושרייען דעם **נעשה ונשמע**, דארפן מיר פארשטיין אז **נעשה ונשמע** איז נישט ח״ו בלויז עפעס א 'אלטע מעשה' וואס האט פאסירט פאר דריי-א-האלב טויזנט יאר צוריק, נאר **נעשה ונשמע** מיינט אויך עפעס פאר אונז! אויך אין אונזער היינטיגן מצב! – אמת, צו לערנען און זיך קאכן אין די הייליגע ספרים די גרויסקייט פון **מתן תורה** איז טאקע זייער חשוב. אויב אבער, איז מען אליינס נישט גרייט מקבל צו זיין אויף זיך דעם **נעשה ונשמע**, מען איז נישט גרייט אויף **מסירות נפש** פאר די הייליגע תורה, מען איז נישט גרייט אלעס צוריק צו ווייזן פאר די גוים, און זיי ענטפערן **רבותכון מה חשיבא וגו׳** אז מיר זענען גרייט אוועקצוגעבן **כל הון דעלמא** און ליידן כל מיני **מסירות נפש** פארן ריינקייט פונעם הייליגן חינוך, דאן האט מען גאר א קנאפן שייכות מיטן **נעשה ונשמע**, דאן איז מען נאך אלץ געבליבן געגנצליך אינדרויסן! א יוד דארף זיין גרייט צו ליידן אסאך אומבאקוועמליכקייטן פארן הייליגן באשעפער, **ארום בגינה ספית מדור אריותא**, א יוד דארף זיין גרייט אריין צו גיין אין לייבן-גרוב אז די הייליגע אמונה זאל בלייבן בשלימות ביי אים און ביי זיינע דורות הבאים, און נאר דעמאלטס האט מען עפעס א שייכות בפועל צום **מתן תורה**.

**בלויז דאס - דער מקבל-זיין אויף זיך מסירות נפש פארן רבוש״ע, און פארן טהרת החינוך, - דאס איז באמת די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה.**

זאל דער אויבערשטער העלפן, אז מיר אלע זאלן טאקע באקומען א אמת'ע שייכות מיטן הייליגן יו״ט **שבועות**, מיר זאלן טאקע אלע מקבל זיין דעם **נעשה ונשמע** מיט א אמת, זיך מקבל זיין אז יעבור עלי מה, זאל זיין וואס עס זאל נאר זיין, אפילו אויב מען וועט דארפן חלילה נעמען-אין-האנט דעם וואנדער-שטעקן, און גיין אין גלות אין אנדערע מדינות, דארט וואו מען לאזט נאך יא מחנך זיין די קינדער מיט די ריינע אמונה, - זאלן מיר אלע זיין גרייט מיט א אמת, צוטאן וואס אימער עס וועט זיך נאר אויספעלן אויפצוהאלטן דעם **גחלת הקדושה**, און איבערגעבן דעם הייליגן **מעמד קבלת התורה** פאר אונזערע דורות ווייטער, **והודעתם לבניך ולבני בניך יום אשר עמדת לפני ה׳ אלקיך בחורב**, און נאר אויף דעם וועג קענען מיר האפן בעז״ה אויף **בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות**, און בקרוב זאלן מיר זוכה זיין צום **בעצרת יפקון מן גלותא** בב״א.